בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת בהר בחקותי תשע"ז** שבת חזק פרקי אבות ה **גליון 409 [שנה ט']**

**ווען מען באפרייט א קנעכט ווערט מען אליין אויך באפרייט**

וְקִדַּשְׁתֶּם אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ לְכָל־יֹשְׁבֶיהָ: (כה י) די תורה לערנט אונז אז אין יובל דארף מען באפרייען אלע אידישע קנעכט אויב אזוי איז שווער דער לשון פון וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ, מען דארף געבן א פרייהייט, לְכָל־יֹשְׁבֶיהָ, צו אלע איינוואוינער'ס, אויב מען רעדט וועגן קנעכט, וואס איז די פרייהייט פאר יֹשְׁבֶיהָ? נאר מען קען פארענטפערן מיט א מעשה וואס איז געוועזן ווען הגאון ר' איסר זלמן מעלצער זצ"ל קלעצקער ראש ישיבה און שווער פון הגאון ר' אהרן קאטלער זצ"ל איז אהיים געקומען אין א ווינטערדיגן טאג מיט זיין זון און זיי גייען ארויף די טרעפ און ר' איסר זלמן גייט צוריק אראפ די טרעפ. זיין זון איז קאלט און בעט דעם טאטן ער זאל שוין אריינגיין אין אווארעמע שטוב, ר' איסר זלמן זאגט באלד, דאס חזר'ת זיך איבער נאכאמאל ביז ווען זיי זענען נאכאמאל ארויף די טרעפ איז ר' איסר זלמן אריין אין שטוב. זיין זון פרעגט אים שפעטער וואס איז געווען דא? האט ער געענטפערט זיי האבן געהאט א אידישע דינסט אין שטוב און זי האט ריין געמאכט און בשעת'ן רייניגען האט זי געזונגען, און ווען זי איז אליין מעג זי זינגען און אויב איך וואלט אריין דעמאלטס וואס זי זיך פארשעמט און געמוזט אויפהערן זינגען, דעריבער האב איך געווארט ביז זי האט אויפגעהערט זינגען און דעמאלטס אריין, האט הגאון ר' זלמן סאראצקין זצ"ל דער לוצקער רב געזאגט קומט אויס אז מען האט א אידישע דינסט ווערט מען א עבד צו איר און מען קען נישט אלעמאל אריינגיין אין שטוב, מיט דעם האט ער פארענטפערט א גמ' (קידושין דף כ.) מכאן אמרו כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו, דארף מען פארשטיין ווי אזוי ווערט דער עבד א אדון? נאר לויטן פריערדיגן מעשה פארשטייט מען ווי אזוי ווערט דער עבד א אדון ווייל מען דארף מכבד זיין און מיט פילן מיטן עבד ממילא איז מען א קנעכט אויך צום קנעכט, מיט דעם איז פארענטפערט אונזער פסוק, וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ לְכָל־יֹשְׁבֶיהָ, וואס ביי יובל ווערט באפרייט אלע קנעכט ממילא איז דאס אויך א באפרייען פאר די אלע איינוואוינערס וואס האבן קנעכט. (הגאון ר' זלמן סאראצקין זצ"ל)

**די שייכות פון שמירת שבת און עמלים בתורה**

אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ: (כו ג) רש"י זאגט שתהיו עמלים בתורה, מען זאל הארעווען אין תורה, לכאורה דארף מען פארשטיין אז ענדע פון פרשת בהר שטייט אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי ה', וואס איז די סמיכות פון שמירת שבת און עמלים בתורה? נאר עס שטייט אין מדרש פ' ויקהל אז דער ענין פון ויקהל משה "עשה לך קהילות גדולות בשבת ודרוש לפניהם וכו' כדי שילמדו ממך לדורות" מען זאל איינזאמלען די מענטשן אין שול און מאכן דרשות פאר זיי און אזוי וועלן די אלע דורות זיך אפלערנען ע"כ און שבת איז די צייט ווייל מענטשן ארבעטן נישט, און דער כתב סופר זאגט אז אין מדבר האט מען נישט געארבעט האט מען געקענט לערנען א גאנצע וואך אבער לדורות וואס מען וועט מוזן ארבעטן זאל מען אויס נוצן דעם שבת און הארעווען אין לערנען ע"כ. דאס איז די סמיכות פון אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, שמירת שבת, און ווייל מען האט צייט, דעריבער בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, שתהיו עמלים בתורה. (תפוחי חיים – פאנעט אב"ד קארלסבורג)

**דער ברית אבות איז שטענדיג דא**

וְזָכַרְתִּי אֶת־בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת־בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת־בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר: וגו' וְאַף גַּם־זֹאת .. לֹא־מְאַסְתִּים וְלֹא־גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם: (כו מב –מד) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט וְזָכַרְתִּי אֶת־בְּרִיתִי און לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם, וואס איז דער ענין פון בְּרִיתִי און נישט די זְכוּתִים פון די אָבוֹת? נאר די גמ' (שבת דף נה.) ברענגט שמואל זאגט תָּמָה זְכוּת אָבוֹת, עס האט זיך געענדיגט די זְכוּת אָבוֹת, זאגט ר"ת אז אפילו די זְכוּת אָבוֹת האבן זיך געענדיגט איז נאך דא די ברית אבות וואס דער אויבערשטער גיט און דערמאנט דאס פאר כלל ישראל, און ברענגט א ראי' פון א פסוק (מלכים ב יג כג) וַיִּפֶן אֲלֵיהֶם "לְמַעַן בְּרִיתוֹ" אֶת־אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, דא שטייט נאר לְמַעַן בְּרִיתוֹ און נישט זכותם. קען מען יעצט זאגן פארוואס רעכנט מען אויף צוריק פון יעקב? נאר דער אויבערשטער זאגט אויב איך וועל זוכן די זְכוּת אָבוֹת, אברהם יצחק און יעקב און עס וועט נישט זיין, וועט מען גיין צו די ברית, [איז גוט פארוואס דער פסוק אין מלכים שטייט דער ריכטיגער סדר אברהם יצחק און יעקב ביי די בְּרִית אָבוֹת, ווייל דארטן רעדט מען נאר פון די בְּרִית אָבוֹת און נישט זְכוּת אָבוֹת, המו"ל] און דאס קען זיין וואס דער פסוק זאגט ווייטער וְאַף גַּם־זֹאת, אפילו עס וועט שוין נישט זיין זְכוּת אָבוֹת, וואס זא"ת איז די ר"ת זכות **אבות** תמה, פונדעסטוועגן לֹא־מְאַסְתִּים לְכַלֹּתָם, ווייל בְּרִיתִי אִתָּם, די בְּרִית אָבוֹת וועט שטענדיג בלייבן פאר די אידן. (גן רוה בשם דברי יאיר) אזוי ווי מיר זאגן אין מוסף פון ר"ח אַהֲבַת עוֹלָם תָּבִיא לָהֶם וּבְרִית אָבוֹת לַבָּנִים תִּזְכּוֹר, דא שטייט: דערמאָן פאר אונז בְּרִית אָבוֹת און נישט זְכוּת אָבוֹת, אגב מען דערציילט אז איינער פון די צדיקים האט געדארפט געלט פאר זיינעם א חסיד איז ער געגאנגען צו א קרוב פון חסיד וואס איז געווען א עושר און געבעטן צו העלפן זיין קרוב, ענטפערט דער גביר ער העלפט נאר נאנטע קרובים און יענער איז א ווייטער קרוב! פרעגט אים דער צדיק: האסט היינט געדאווענט שמונה עשרה? ענטפערט ער, יא! און האסט אינזינען געהאט ביי אָבוֹת? ענטפערט ער, יא! זאגט אים דער צדיק, די אבות זענען דאך זייער ווייט און פונדעסטוועגן דארפסטו אנקומען צו די ווייטע אבות! דער גביר האט צוגעזאגט ער וועט העלפן זיין קרוב. (י.ז. קליטניק המו"ל)

**פרקי אבות פרק ה**

**די ברכה איז חל נאר אויף א דבר שלם און נישט אויף א האלבע זאך**

עֲשָׂרָה דְבָרִים נִבְרְאוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, וְיֵשׁ אוֹמְרִים, אַף הַמַּזִּיקִין, (משנה ו) זאגט דער רע"ב אף המזיקין – אלו הַשֵּׁדִים. שלאחר שברא הקדוש ברוך הוא אדם וחוה היה מתעסק בבריאתן, וכשברא רוחותיהן לא הספיק לברוא גופיהן עד שקדש היום, ונשארו רוחות בלא גוף עכ"ל, דאס מיינט אז חלילה דער אויבערשטער האט נישט געהאט צייט צו ענדיגן באשאפן די מזיקין! דער מדרש לערנט אז דער אויבערשטער האט געהאט א כוונה צו ווייזן אז אפילו מען האלט אינמיטן א ארבעט דארף מען מפסיק זיין לכבוד שבת. אבער מען קען זאגן נאך א כוונה, אז דער אויבערשטער האט געגעבן א ברכה אויף דאס וואס ער האט באשאפן און א ברכה איז חל נאר אויף א דָבָר שָׁלֵם, דעריבער האט ער באשאפן דעם מענטש מיטן גוף און נשמה כדי די ברכה זאל אויך גיין אויף זיי, אבער די מזיקין האט דער אויבערשטער נאר באשאפן זייער רוח און נישט זייער גוף כדי זיי זאלן נישט זיין א דָבָר שָׁלֵם, ממילא וועט נישט חל זיין די ברכה אויף זיי ווייל ווען די

ברכה וואלט חל געווען אויף זיי וואלטן געקענט חרוב מאכן די וועלט. (ספר מעינם של אבות בשם האדמו"ר מסאכאטשוב זצוק"ל בעל אבני נזר)

**דער עיקר איז מדות טובות**

עַיִן טוֹבָה, וְרוּחַ נְמוּכָה, וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ. עַיִן רָעָה, וְרוּחַ גְּבוֹהָה, וְנֶפֶשׁ רְחָבָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע. וכו' תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין בָּעוֹלָם הַבָּא, (משנה יט)

שטעלט זיך די שאלה פארוואס שטייט נישט אז תלמידי אברהם אבינו מאכן מצוות און מעשים טובים און תלמידי בלעם הרשע מאכן נישט מצוות און מעשים טובים? פון דא איז א ראיה אז אפילו א מענטש טוט מצוות און מעשים טובים אבער אויב ער האט איינע פון די דריי שלעכטע מדות עַיִן רָעָה, וְרוּחַ גְּבוֹהָה, וְנֶפֶשׁ רְחָבָה, איז ער מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע. (ספר מעינם של אבות בשם ר' פינחס מקאריץ זצוק"ל)

## מדור העובדות

## דער הייליגער חידושי הרי"ם זצוק"ל האט צוריק געברענגט די גניבה

ר' יעקב איז געווען פון די דערהויבענע חסידים פון היילגן חידושי הרי"ם, הרה"ק ר' יצחק מאיר מגור זצוק"ל. ער איז געווען א סוחר אבער א תלמיד חכם און פלעגט שטענדיג פארן צום רבין, איינמאל איז ער געפארן וועגן א גרויסע געשעפט און האט אנגעבארגט א סכום געלט און מתפלל געווען ער זאל מצליח זיין און האט גענומען א בעל עגלה, א באקאנטע, פון זיין שטאט ער זאל אים פירן צום חידושי הרי"ם און בעטן א ברכה אויף הצלחה און דערווייל זיך קענען אנווארעמען ביים צדיק, ער האט גוט איינגעוויקלט די זעקל פון געלט אויף זיך און געפארן. ווען ער איז אנגעקומען אין גור און וויל באצאלן פארן בעל עגלה ווערט אים פינסטער, ער טרעפט נישט די זעקל געלט, און פרעגט דעם בעל עגלה צו ער האט אפשר געזען זיין זעקל געלט און ער ענטפערט אז ניין!

ר' יעקב האט נישט חושד געווען דעם בעל עגלה ווייל ער האט אים געקענט אלץ א עהרליכער איד, און געזאגט פַארן בעל עגלה ער וועט אים באצאלן ווען ער קומט צוריק אין שטאט, און דער בעל עגלה האט געזאגט איך פיל מיט דיין צער און איך וועל ווארטן אויף די געלט. דערווייל לויפט ר' יעקב גלייך צום חידושי הרי"ם און דערציילט אים אז ער האט געהאט א זעקל געלט פאר זיינע געשעפטן און דאס איז געווען געבארגטע געלט! און דערציילט אז ער האט דאס געהאט מיט זיך די גאנצע צייט און דער איינציגסטע וואס איז געווען מיט אים איז געווען דער בעל עגלה, אבער עס איז מיר זייער שווער אים חושד זיין ווייל ער איז א עהרליכע מענטש.

דער רבי פארטראכט זיך א ביסל און זאגט צו ר' יעקב איך האב פאר דיר גוטע נייעס: וועסט צוריק באקומען די גאנצע געלט מיטן זעקל און א פרוטה וועט נישט פעלן! גיי אריין אין בית המדרש און גיי לערנען און דיין געלט וועט צוריק קומען צו דיר, ר' יעקב האט פול אמונה אין זיין רבין און מיט בטחון גייט ער אין בית המדרש און ווארפט זיך אריין אין עולם התורה. אין אפאר טעג ארום קומט אריין אין בית המדרש דער בעל עגלה און זוכט ר' יעקב און ווארפט אראפ די זעקל פון געלט און וויל אנטלויפן אבער ר' יעקב איז געווען א גיבור אויך און אים נאכגעלאפן און אנגעכאפט און געזאגט איך לאז דיר נישט אפ ביז דו דערציילסט מיר וואס איז דא געשען און פארוואס דו האסט מיר געברענגט די געלט?

דער בעל עגלה האט נישט געהאט צופיל חשק צו דערציילן אבער ער האט געזען אז ער קען זיך נישט אויסדרייען פון ר' יעקב, און הויבט אן דערציילן: ווען דו ביזט געשלאפן אין וואגן און זיך געדרייט אהין און צוריק איז פלוצלינג אראפגעפאלן דיין זעקל מיט געלט און איך האב דאס אויפגעהויבן אבער ווען איך האב געזען די גרויסע סכום געלט האב איך זיך נישט געקענט מתגבר זיין אויף מיין יצר הרע און איך האט געטראכט צו מאכן א שוויג און איך האב געוואוסט אז דו קענסט מיר און וועסט מיר נישט חושד זיין!

דערווייל בין איך אהיים געפארן און זיך געפריידט אז איך האב יעצט א פארמעגן און וועט נישט דארפן ארבעטן א לענגערע צייט. יענער נאכט האב איך זיך געלייגט שלאפן און איך חלום ווי א עלטערער איד קומט צו מיר און גיט מיר מוסר היתכן האסט גענגבעט געלט פון א איד און אים געמאכט אומגליקלאך, גיי שוין און גיב אים דאס צוריק. איך האב זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון דעם חלום און שלאף ווייטער, דער איד קומט צו מיר נאכאמאל און שטייט מיט א גראבן שטעקן און זאגט אויב דו שטייסט נישט אויף יעצט און פארסט אין גור צוריקגעבן די געלט, גיי איך דיר שלאגן!

איך האב זיך נישט וויסנדיג געמאכט און שלאף ווייטער, ווען ער קומט נאכאמאל און זאגט ווייל דו האסט מיר נישט געפאלגט גיי איך דיר יעצט שלאגן און הויבט מיר אן צו שלאגן און שלאגן אז אלע מיינע ביינער האבן אנגעהויבן ווי טאן און ער האט מיר געזאגט ער וועט נישט אויפהערן צו שלאגן ביז איך זָאג צו אז איך גיי צוריק ברענגען די געלט, און איך האב צוגעזאגט, דעריבער בין איך געקומען דא צוריק ברענגען די געלט און עס פעלט נישט א פרוטה! ר' יעקב האט געזאגט פארן בעל עגלה איך בין דיר מוחל בלב שלם און איך בעט דיר קום מיט מיר צום חידושי הרי"ם איבערגעבן די גוטע בשורה!

זיי גייען אריין צום רבין און ווען דער בעל עגלה זעט דער חידושי הרי"ם הויבט ער אן צו טרייסלן זיין גאנצע גוף און זאגט אוי! דאס איז דער מענטש וואס האט מיר געשלאגן! און ווען ער בארוהיגט זיך, פרעגט ער די חידושי הרי"ם פארוואס ער האט אים אזוי שטארק געשלאגן? האט ער געענטפערט: ביזט דאך באמת א עהרליכע איד און וועגן אזא עבירה האב איך נישט געוואלט זאלסט פאקריכן! יעצט אז דו האסט תשובה געטאן און ר' יעקב האט דיר מוחל געווען וועט דער אויבערשטער דיר געבן א ברכה והצלחה אין דיין לעבן און טאקע די ברכה פון רבין איז מקויים געווארן במלואו זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

*סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך 3000$, סעט טורים דפוס זיטאמיר 1200$ ספר בנימין זאב עם כמה חותמות של התפארת שלמה מראדאמסק 9000$, בריוו פון חכם צבי, ר' עקיבא איגר, חפץ חיים תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר 8500$, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור 4500$ א לאנגע גאנצע בריוו פון היילגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן 22000$, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל 8000$, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער 3000$, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארג'נלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד 2000$, מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגן צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטום'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,